וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בליטל

פרשת מטות מסעי, א' מנחם אב תשפ"א
שנה ב' גליון פ"ו

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................8:16
מוצאי שבת...............................9:46

# א מעשה פון תפלה

## שמעון איינהארן

איך בין געגאנגען אין באנק ארויסנעמען געלט צו צאלן רענט פאר מיין דירה וואס איך האב אין שטאט, איך קום אן דארט, זעה איך ס'שטייט דארט א לאנגע רייע פון מענטשן וואס ווארטן ארויסצונעמען געלט, איך האב נישט געהאט קיין צייט צו ווארטן, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף מיר - מאך מיר א נס איך זאל אויף עפעס א וועג אנקומען צום מאשין צו קענען ארויסנעמען געלט, אן דעם וואס איך זאל דארפן ווארטן אזוי לאנג אין די רייע.

אינמיטן הער איך ווי דער ערשטער אין די רייע גיבט זיך א רוף אן: 'רבותי די מאשין איז צעבראכן ס'איז א שאד צו ווארטן דא', די גאנצע עולם איז זיך צוגאנגען, איך האב מיר געטראפן שטיין דארט אליין, איך גיי צו צום מאשין און איך בעט נאכאמאל דעם אייבערשטן, אייבערשטער העלף ס'זאל יא ארבעטן. אזוי שטייענדיג דארט איז ארויפגעקומען אויפן סקרין אז די מאשין איז שוין געווארן פאררעכטן און מען קען עס שוין ניצן. גלייך האב איך ארויס גענומען די געלט וויפיל איך האב געדארפט און איך הייב אן אוועק גיין, א סעקונדע נאכדעם וואס איך בין אוועק געגאנגען איז ארויפגעקומען אויף די סקרין אז די מאשין ארבעט שוין ווייטער נישט! שכח אייבערשטער פאר דעם גרויסן נס וואס דו האסט געטוהן מיט מיר.

## אברהם הערש וועבערמאן

גאר א גרויסע נס האט פאסירט ביי איינע פון די אינגעלייט מיט וועם איך ארבעט צוזאמען, זיין קינד איז אדורך געגאנגען אן אפעראציע אויף די הארץ, אבער די אפעראציע איז נישט דורך בשלום - ס'איז נאר ערגער געווארן, די הארץ האט זיך אפגעשטעלט אינגאנצן, ס'האט נאר געארבעט אויף א מאשין, מען האט פראבירט וואס מען האט געקענט צו מאכן די הארץ ארבעטן - אבער אן ערפאלג, מען האט ארויפגעלייגט דאס קינד אויף א ליסט פון מענטשן וואס זיכן א הארץ.

איך האב גאר אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס קינד זאל האבן א געזונטע הארץ וואס ארבעט ווי עס דארף צו זיין אן קיין פראבלעמען, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן 'אויב דאס קינד וועט צוריק באקומען א געזונט הארץ וועל איך מפרסם זיין די מעשה'. פארגאנגענעם ערב שבת פרשת פנחס איז אריינגעקומען די גוטע נייעס, אז מ'האט געטראפן א נייע הארץ פאר'ן קינד, גלייך האט מען געמאכט די אפעראציע, מען האט אריין געלייגט דעם נייעם הארץ, שכח אייבערשטער אז די הארץ וואס מ'האט געטראפן פאר'ן קינד ארבעט פיין, און דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל ארבעטן אויף לאנגע געזונטע יארן. שכח אייבערשטער!

*טייערע אינגערמאן שיק אריין דיין מעשה פון תפלה צו 845-379-1161*

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה יעקב לעסער נ"י מחשובי האברכי הכולל**

**וזוגתו שרה תחי' מנהלת בית פיגא**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די אייגענע קינדער און אזוי אויך די תלמידות - אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

# נייעס אין שטעטל

## סיומים אין שטעטל

די זומער סעזאן איז אין פולן שוואונג ברוך השם, די בחורים זיצן און לערנען גאר אסאך בלעטער גמרא און פרקים משניות, יעדן טאג הערט מען פון נאך א סיום משניות, נאך א סיום מסכתא, וואס דאס איז די גרעסטע נחת פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס זעהט אז די דרשות וואס מען רעדט גייט אריין אין די הערצער.

פארגאנגענעם מאנטאג פרשת פנחס, איז פארגעקומען א גרויסארטיגע סיום הש"ס פון הבחור החשוב שמעון רוטה הי"ו א זוהן פונעם ראש ישיבה שליט"א, די סיום איז פארגעקומען אינעם קעמפ ווי עס האלטן זיך אויף די ישיבה קטנה בחורים במשך דעם זומער, דער ראש ישיבה שליט"א איז ספעציעל אהינגעפארן מיטהאלטן דעם גרויסן מעמד. דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען די בחוריםביים סיום הש"ס זיי זאלן אויך זעהן צו ענדיגן ש"ס, וואס דאס וועט זיי מאכן פאר גרויסע ערליכע אידן.

דעם נעקסטן טאג – דינסטאג פרשת פנחס ביינאכט, איז פארגעקומען א סיום ליקוטי מוהר"ן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביים סיום: איך מאך דעם סיום ברבים, ווייל איך טראכט וויאזוי קען איך אנרייצן די אינגעלייט אין שטעטל זיי זאלן וועלן לערנען, איינער טראכט אז דער אינגערמאן האט א שיינע הויז, ער האט אזא קאר, און ער האט זיך געקויפט א עי טי ווי – אפשר דארף איך דאס שוין אויך קויפן, איך וועלן מאכן סיומים – אפשר וועט איינער ווערן אנגערייצט. געווענליך האט מען נישט געמאכט ברבים א סיום ביי אנשי שלומינו, נאר מען פלעגט דאס מאכן שטילערהייט פאר זיך, אזוי אז איך מאך דאס ברבים וועל איך פאטשן אין פנים מיט די סיומים.

**ווער עס מאכט א סיום אויף א ספר זאל זיך מעלדן צום ראש ישיבה שליט"א און מען וועט דאס מאכן ביינאכט נאך מעריב.**

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג איז פארגעקומען די סיום אויף מסכת יומא, די מסכת וואס ווערט געלערנט דורך גאנץ כלל ישראל צוזאמען, וואס דער ראש ישיבה שליט"א איז שטענדיג מעורר מען זאל לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא.

ביים שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל געבעטן אלע אנשי שלומינו מען זאל זיך אנשליסן אינעם אפיעל וואס ער פראקלאמירט, ער בעט אלע אנשי שלומינו זאלן זיך מיטכאפן מיטן באן וואס פארט ארויס יעדן טאג, זעה נישט ארויסצופאלן, און הייב אן דעם נעקסטן מסכת – מסכת סוכה, זאג יעדן טאג דעם דף גמרא, אז דו קענסט גיין צו א שיעור אדער האסט א חברותא מה טוב ומה נעים, אבער זעה יעדן טאג צו לערנען דעם דף גמרא, דאס וועט דיר אפהיטן פון אלעם שלעכטס.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ז נִיסָן, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶועהן אַ תַּעֲנוּג אוּן אַ פַארְגֶענוּגְן צוּ זֶעהן דִי אִינְגֶעלַייט דַאוֶונֶען אַזוֹי וַוארֶעם, דִי טַאטֶעס זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים דַאוֶונֶען, מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר; דִי פְּרוֹיעֶן אַזוֹי אֵיידְל אָנְגֶעטוֹן; **מַמָּשׁ אַ שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ שְׁטָאט.** אָפְּגֶערֶעדְט דִי תְּמִימוּת פוּן דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן וֵוייסְן זֵיי צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן.

אִיךְ ווִיל אָבֶּער זַיין מִיט אַייךְ זֵייעֶר אָפְן, אֵיין זַאךְ וָואס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט דֶעם יוֹם טוֹב; עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס עֶס אִיז אַ שְׁרֶעק צוּ זֶעהן וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, עֶס עֶקְלְט אַרִיבֶּערְצוּגֵיין זֵייעֶר הוֹיז, וִוי שְׁמוּצִיג אוּן נָאכְגֶעלָאזְט עֶס אִיז אִינְדְרוֹיסְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס טוּט זִיךְ אִינֶעוֵוייניִג וֶוען אִינְדְרוֹיסְן אִיז אַזוֹי שְׁמוּצִיג. עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל מִיר בּוֹיעֶן אַ שְׁטָאט עַל שֵׁם רַבֵּינוּ אוּן בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען נְקִיּוּת אַזוֹי וִויכְטִיג, וִוי פַּאסְט עֶס מֶען זָאל אַזוֹי בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל...

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן רוֹב שְׁטֶעטְל, רוֹב שְׁטֶעטְל אִיז זוֹיבֶּער, אָבֶּער דִי פָּאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נָאכְגֶעלָאזְט מַאכְט אַזַא שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פַאר אוּנְז אַלֶע, אַז עֶס פַארְגֵייט דִי אַפֶּעטִיט פוּן זַיין דָארְט.

אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ וָוארְן, אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען אִין אוּנְזֶער קְהִילָה דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְן **עֶס זָאל זַיין שֵׁיין זוֹיבֶּער אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ;** מֶען זָאל קֶענֶען טַייטְלֶען מִיט דִי פִינְגֶער 'דָא וואוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אִיד, **דָא וואוֹינְט אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**, זוֹיבֶּער רֵיין'.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶע אִיר זָאלְט **נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי קַאר אוֹיפְ'ן גַאס בַּיים בֵּית הַמֶּדְרָשׁ;** מִיר הָאבְּן בַּאצָאלְט פוּפְצְן טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ מַאכְן דֶעם פַּארְקִינְג לַאט נֶעבְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן דִי קַאר אוֹיבְן אוֹיפְ'ן גַאס, דִי שְׁכֵנִים וֶוערְן בְּרוֹגֶז, מֶען מַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס שָׁאדְן. דֶער אוֹיבֶּערְהַאר פוּן לִיבֶּערְטִי רוּפְט מִיר מִיט טַעֲנוֹת וְכוּ', אַלֶעס פַאלְט אוֹיף מִיר, **אִיךְ הָאבּ גֶענוּג אוֹיף מִיר, עֶס פֶעלְט מִיר נִישְׁט אוֹיס נָאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען.**

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל אִיבֶּערְגֵיין מִיט עֶנְק, אִיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעשְׁרִיבְּן פַארְיָאר זוּמֶער **מֶען זָאל פָארְן שְׁטַייט, מֶען זָאל נִישְׁט פָארְן שְׁנֶעל; בִּפְרַט זוּמֶער וֶוען דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן שְׁפִּילְן אִין גַאס אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה** אוּן סַיי מֶען רֶעגְט אוֹיף דִי שְׁכֵנִים. אִיךְ שְׁרַייבּ נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיף אַייעֶר לֶעבְּן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תָּהֳרָה, ב' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְגֶעס נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטָאט זוּמֶער; מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, דִי גוֹיִם וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעלָאזְט, זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי חַיּוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיבְן אִין קָאנְטְרִי אִיז דָא אַ רֵיינְקֵייט, **עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעפּ אוּן טִרְחָה וְכוּ' אַבִּי אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק וֵוייניִגֶער.**

אַז דוּ הָאסְט אַ פַּרְנָסָה אִין קָאנְטְרִי אוּן אוֹיךְ דַיין וַוייבּ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין - זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי פַּרְנָסָה פוּן מְלַמְּדוּת אוּן גֵיין אִין קָאנְטְרִי; סַיי דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְגֶעבְן, **קָאנְטְרִי אִיז זֵייעֶר אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער** - אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיךְ מַרְוִיחַ זַיין פוּן דֶעם, דוּ וֶועסְט זִיךְ גוּט קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין צְוִוישְׁן דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער.

**עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע הִתְבּוֹדְדוּת צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז,** דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "**אִם הָיִיתָ זוֹכֶה לִשְׁמֹעַ אֶת קוֹל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁל הָעֲשָׂבִים, אֵיךְ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב אוֹמֵר שִׁירָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי פְּנִיָּה, וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, וְאֵינָם מְצַפִּים לְשׁוּם תַּשְׁלוּם גְּמוּל, כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם**", וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז, צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; זֵיי וַוארְטְן נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׂכַר וְכַדּוֹמֶה, וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי.

אִיךְ וֶועל אוֹיךְ זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צְווִישְׁן דִי בֶּערְג בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**


***דער הייליגער רבי האט געזאגט: א קינד וואס וועט קומען צו מיר פאר די זיבן יאר.***

*וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?*

א) וועט צוקומען צו אלע מדריגות
ב) וועט האבן אריכות ימים
ג) וועט אויסוואקסן א תלמיד חכם
ד) וועט גייט צו די חתונה מיט א ריין העמד

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז אליעזר שלמה פארקאש נ"י
קרית יואל

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

צו איבערגעבן די טאג צום אייבערשטן



קרן הדפסה היכל הקודש - קרית ברסלב ליבערטי

ונשמרתם מאוד לנפשותיכם

חשובע געסט! עס איז א גרויסע סכנה צו גיין אין גאס ביינאכט אן א ריפלעקטאר.
עס איז דא צובאקומען ריפלעקטארס ביים בית הדפוס פאר מענער און פרויען.

רופט אריין אויף
718-387-2691Ext 2



מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן
די עפענונג פון אונזער נייע דריי גוד
סטאר דא אין שטעטל, וואו מען וועט
קענען קויפן אלע דריי גוד געברויכן
פאר גאר גוטע פרייזן

B&H Drygoods

קאפלעך, ציצית, העמעדער, הויזן,
זאקן און אזוי ווייטער.

רופטס
משפחת ברוך יאקאבאוויטש
845-320-3332